# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:11
מוצאי שב"ק...................9:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................שמואל-א' ל'-ל"א
בבלי............................גיטין נ"ג
ירושלמי..............תרומות כ"ג
תוספתא...........כלים בתרא ד'
רמב"ם.תפלה וברכת כהנים ט"ו


פרשת פנחס, י"ט תמוז, אבות פרק ו', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 41 (611)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה וְגוֹ', שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מֶען הָאלְט נָאךְ אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, נָאכְדֶעם וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען לֵיידֶער אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן בִּלְעָם, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ מַגֵּיפָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק, "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ דִי מַגֵּיפָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, "שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל נָאכְאַמָאל צֵיילְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אָנְהֵייבּ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר (א, א): "מִתּוֹךְ חִבָּתָן לְפָנָיו מוֹנֶה אוֹתָם כָּל שָׁעָה", יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען צֵיילְט דִי אִידְן אִיז עֶס אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן; וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל יֶעצְט לִיבּ הָאבְּן דִי אִידְן, זֵיי הָאבְּן דָאךְ יֶעצְט גֶעזִינְדִיגְט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָּרוֹן, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ "אִיךְ פַארְגֶעס שְׁנֶעל", מֶען קוּקְט עֶס אָן וִוי אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז שִׁכְחָה אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה, דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן דַאוֶּוענֶען אוּן לֶערְנֶען, וַוייל 'אִיךְ וֵייס דָאךְ וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ וֵייס דָאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, וִוי קֶען אִיךְ גֵיין דַאוֶּוענֶען? וִוי קֶען אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען?' אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען. קֶען עֶר אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי, 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט דַאוֶּוענֶען', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט לֶערְנֶען', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: בַּיים רֶבִּי'ן אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם. דֶער עִיקָּר אִיז נָאר נוֹגֵעַ וָואס אִיז 'יֶעצְט', בִּכְלַל נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר. עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן אוּן יֶענְץ גֶעטוּן. וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעצְט.

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט דָארְט אַרוֹיס אַז דִי זַאךְ פוּן שִׁכְחָה, פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ אִיד צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט וָואס עֶר אִיז אַלְץ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, דָאס שְׁטֶערְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן, וּבִפְרַט בַּיים דַאוֶּוענֶען אוּן לֶערְנֶען, אַלְץ קוּמְט אִים אַרַיין אִין מֹחַ אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, יֶענְץ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דָא הָאט עֶר גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, דָארְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן לָאזְט אִים נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, וִוי נָאר אִיךְ וִויל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ פַארְגֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, אִיךְ גֵיי וֶוערְן פוּן יֶעצְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי יֶעצְט דַאוֶּוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וִוי נָאר מֶען הָאלְט שׁוֹין "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", דִי מַגֵּיפָה אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער, הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, מֶען הָאט פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען גֵייט פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן "שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", אִיךְ וִויל מֶען זָאל צֵיילְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי אִידְן וַוייל עֶר הָאט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ.

דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט אַלְץ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט'ן עָבַר, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה י:): "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי, אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", אִיבֶּעראַל וואו עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט 'וַיְהִי'- 'עֶס אִיז גֶעוֶוען', אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן צַעַר, אוּן 'וְהָיָה' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה. מוֹהֲרַא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַז מֶען קוּקְט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן צַעַר, דֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט זִיךְ אוֹיף מִיט זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט', 'אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אִין לֶעבְּן– הָאט מֶען דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר, אָבֶּער 'וְהָיָה' - אַז מֶען קוּקְט אוֹיף וַוייטֶער, מֶען טְרַאכְט: עֶס גֵייט זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען, אִיךְ גֵיי דַאוֶּוענֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, - אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ. אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ אַ צָרָה, אִיךְ דַארְף אַ רְפוּאָה וְכַדוֹמֶה, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן. מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִלָּה וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט, מֶען קֶען אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן מִיט תְּפִלָּה צוּם גוּטְן, 'אֵיי, אֶפְשָׁר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען?', אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה: "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", אַז מֶען וִויל זַיין גוּט, קֶען מֶען צֵיילְן דִי אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, פִּנְחָס תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרֵיי וָואכְן

מִיר טְרֶעטְן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְוִוישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב; מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי צַייט אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָּל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דָאס

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ הָאבּ אַזַא תַּעֲנוּג אוּן פְרֵייד מִיט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט פַארְמַאכְט דַיין סָאשֶׁעל מִידִיעֶ, סְטֶעטוּס וְכוּ'.

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם (תְּהִלִּים קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, מִיט אַ שִׂין [יְשַׂבֵּרוּ] - הָאסְט צֶעבְּרָאכְן דִי גְלוּסְט פוּן קוּקְן מִיט דִי אוֹיגְן - וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן דִי סוֹף פוּנֶעם פָּסוּק: "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע, פַּרְנָסָה - אִין צַייט.

דִי וָוארְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּרְךְ שְׁמִירַת עֵינַיִם הָאט מֶען שֶׁפַע, פַּרְנָסָה - בְּעִתּוֹ.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דֶעם, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ; וַוייל עֶס אִיז אֵינוֹ דוֹמֶה אַ שְׁטוּבּ וואוּ דֶער טַאטֶע הָאט אַ סְמַארְטְפָאוּן אוּן לֶעבְּט מִיט דֶעם טָאג אוּן נַאכְט, וִוי אַ טַאטֶע וָואס פָאלְגְט דִי רַבָּנִים אוּן הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי זַאכְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ג)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מְכַבֵּד זַיין, נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אַז אִיר הָאט חַיוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְט אִיר דָאס נוּצְן פַאר אַייךְ אוּן טַאקֶע לֶעבְּן מִיט דֶעם, אָבֶער נִישְׁט אַרַיינְשְׁטוּפְּן פַאר אַ צְוֶוייטְן. מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצְווִינְגֶען אַ צְוֶוייטְן צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, בִּפְרַט דִי אֵייגֶענֶע מַאן; דִי פְלִיכְט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז 'מְכַבֵּד זַיין' דֶעם מַאן אוּן אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוֹיף זַיין וֶועג, נִישְׁט אִים 'מְחַנֵךְ זַיין' אוּן אִים מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל.

אַ פְרוֹי וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט דֶער שַׁארְפְסְטֶער אוּן נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם, אוֹיבּ אִיז זִי אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי - וֶועט זִי מִיט אִיר חָכְמָה אִים מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז קְלוּג אוּן אִים מַאכְן דֶער טְרָאן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה. אוֹיף אַזַא פְרוֹי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (מִשְׁלֵי יב, ד): "אֵשֶׁת חַיִל", אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ", דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט "כְּלִילָא לְבַעְלָהּ", זִי אִיז אַ קְרוֹין פַאר אִיר מַאן; מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט: "אֵשֶׁת חַיִל", אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ", אִיר מַאן - אִיז אִיר קְרוֹין, אִיר מַאן אִיז דִי קְרוֹין פוּן אִיר לֶעבְּן, אִיר מַאן אִיז דֶער קְרוֹין פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, דֶער מַאן אִיז דֶער מַחְלִיט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דֶער מַאן אִיז דֶער פָאן טְרֶעגֶער.

אַ נִישְׁט קְלוּגֶע פְרוֹי, וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט דֶער שַׁארְפְסְטֶער אוּן נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם - וֶועט טוּן דָאס פַארְקֶערְטֶע; זִי וֶועט אִים טְשֶׁעפֶּען, אִים דֶערְנִידֶערְן אוּן מַאכְן זִיכֶער אַז יֶעדֶע שְׁכֵנָה אוּן יֶעדֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה וֵוייסְט אַז אִיר מַאן אִיז אַ נַאר, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער וֶועט זִי מַאכְן זִיכֶער אַז יֶעדֶע קִינְד אוּן אֵיינִיקֶל זָאל וִויסְן אַז דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל, דֶער זֵיידֶע הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל; אוֹיף אַזַא פְרוֹי זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי, שָׁם): "וּכְרָקָב בְּעַצְמוֹתָיו", אַזוֹי וִוי אַ וָוארֶעם וָואס בַּייסְט אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, "מְבִישָׁה", אַזוֹי אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הֶערְט אוֹיף זִינְגֶען פַאר אַלֶעמֶען דֶעם נִיגּוּן: "מַיין מַאן אִיז אַ נַאר", "מַיין מַאן אִיז אַ טִיפֵּשׁ", "מַיין מַאן הָאט מִיט דִי נֶערְוֶוען"; נָאכְן זִינְגֶען אַזַא נִיגּוּן וֶועט אַייךְ נִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן, קֵיינֶער וֶועט אוֹיף אַייךְ נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן; אֶפְשָׁר בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, וֶוען מֶען קֶען הֶערְן אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרָע - ווֶעלְן מֶענְטְשְׁן אוֹיסְהֶערְן, אָבֶער נָאכְן שְׁמוּעֶסְן - קוּקְט מֶען אַרָאפּ אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אֵיינֶעם וָואס קְרֶעכְצְט נִישְׁט, מֶען הָאט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס זֶעט נָאר דָאס גוּטְס פוּן לֶעבְּן.

נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זִיךְ, לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אָטֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אֵייעֶר מַאן זָאלְט אִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן אִים זַיין גֶעטְרֵיי. אַז עֶר דַארְף שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אִין דִי אֵייעֶר, רוֹיעֶ צְוִויבְּל - זָאלְט אִיר אִים אַרַיינְשְׁנַיידְן גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע שְׁטִיקֶער רוֹיעֶ צְוִויבְּל. עֶס אִיז נִישְׁט אֵייעֶר מִצְוָה אִים מְחַנֵךְ זַיין וְכוּ', נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסה) מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קֵיין צְוִויבְּל, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט; אִיר קֶענְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַייךְ, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיפְצְווִינְגֶען אוֹיפְ'ן מַאן וֶוען עֶר הָאט זַיין וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

בְּנוֹגֵעַ אַז עֶר ווִיל נִישְׁט אִיר זָאלְט לֶערְנֶען גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן רֶבִּי'ן; דָאס זָאלְט אִיר טוּן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, פוּן אֵיין זַייט אִים נִישְׁט וֵויי טוּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, נִישְׁט זִיךְ רֵייצְן חַס וְשָׁלוֹם; עֶס אִיז דָא גֶענוּג צַייט אִין טָאג וֶוען מֶען קֶען זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אָן טְשֶׁעפֶּען דֶעם מַאן.

בַּאנוּצְט אַייךְ מִיט אֵייעֶר גֶעוֶוער, מִיט תְּפִלָּה; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַייעֶרֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין צַדִּיקִים, אַלֶע זָאלְן זַיין דָבוּק צוּם בַּאשֶׁעפֶער; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַיינְבֵּייגְן מַיין קָאפּ פַאר דִיר. אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיין לֶעבְּן - אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען. אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ; אִיךְ, מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ, אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס - פוּן דִיר".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר מְנַצֵּחַ זַיין דִי מִלְחָמָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבוֹא תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהָרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְּצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפְן אוּן הֶפְקֵר, מֶען נֶעמְט עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א', ג') כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדֵף - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שָׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְבָרִים - שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶלֶע חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א', א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

## פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רֹאֶה" (יִרְמְיָה א', י"א). זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי וִוי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶער ווִיסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגֶנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶערִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט

דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁען פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְ'ן צִיל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

## נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְצָרִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הַארְץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער אוֹיפְ'ן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶען וָואס דֶער דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וְוִי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִיק זָאל מִיר פַארְעֶנְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קַשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער ווִיל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע, וְוִי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַארְץ, אוֹיפְ'ן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער זי"ע, אַזוֹי וְוִי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְ'ס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶען אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ', מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַארְץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְצָרִים)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וָואס וֵויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר בַּאשַׁאפְן נָאר מִיךְ צוּ קֶענֶען פַּיינִיגְן?! הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר בַּאשַׁאפְן נָאר אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן קֶענֶען וַוייזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף מִיר אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן אַזוֹי וְוִי מִיר?!

אִיךְ שְׁפִּיר וְוִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט חוֹזֶק פוּן מִיר, עֶר לַאכְט פוּן מִיר, וְוִי לַאנְג נָאךְ וֶועט עֶר מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען? אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען.

וָואסֶערֶע הֲנָאָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוּן שְׁטוֹיסְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט פִירְן שֵׁיין צוּ מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַ אִיד רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי, וְוִי מֶעג מֶען זָאגְן אַזוֹי?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ רַחוּם וְחַנּוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט נָאר גוּט, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג אוּן שְׁוֶוערֶע זַאכְן - דַארְף מֶען פַארְמַאכְן דִי מוֹיל אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה.

וָואס וֵוייסְן מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס דְרָכִים? וָואס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין? מִיר זֶענֶען קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט ווִיסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, פַארְוָואס אַהֶער פַארְוָואס אַהִין; מִיר גְלֵייבְּן אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר וֵוייסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט - אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער גוּטְס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טוּט תְּשׁוּבָה, בֶּעטְס אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְט אִים: "אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן", אוּן בֶּעט אִים אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אִים.

נֶעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דָאס וֶועט אַייךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## דעדליין צו באצאלן רעזערוואציעס אין בנין היכל הקודש אומאן

ווי שוין עטליכע מאל געמאלדן, זענען די פארלאנגען פאר אש"ל אינעם בנין פון היכל הקודש אין אומאן וואס שטייט בראשות דעם ראש ישיבה שליט"א, אלץ געוואן העכער ווי מען האט געקענט נאכקומען, הונדערטער אנשי שלומינו פון איבער די וועלט ווילן קומען דווקא צו דעם פלאץ, ווי מען וועט זיך דרייען מיט אידן וועלכע זוכן צו פאלגן דעם הייליגן רבי'ן בתמימות ובפשיטות, מיט אידן וואס לעבן מיט'ן אויבערשטן. און טראץ דעם וואס יעדעס יאר האט מען צוגעלייגט נאך בעטן, צימערן, און שטאקן, וואקסט אבער די פארלאנגען דארט איינצושטיין פילפאכיג מער.

די זעלבע זאך און נאך אסאך שטערקער פאסירט היי יאר ברוך השם, און כאטש מען האט נארוואס געענדיגט צובויען און פארענדיגן דעם אויבערשטן שטאק, וואס וועט צוגעבן נאך צענדליגע בעטן, זענען אבער אריינגעקומען הונדערטער מער ווענדונגען צו קומען צום בנין פון היכל הקודש, פילע פון די וואס ווילן קומען זענען פרישע מקורבים וואס שטייען גרייט מיט דאס געלט און פרעגן "למה נגרע", וואס קומט זיך זיי צו בלייבן אינדרויסן בלויז צוליב דעם וואס זיי האבן ביז יעצט נישט געוואוסט פון די לעכטיגע עצות פון הייליגן רבי'ן, און זיי האבן נישט קיין חזקות. נאכדערצו אז בשעת זיי שטייען און בעטן זיך אריינצוקומען, שטייען צענדליגע בעטן רעזערווירט פון פילע וואס האבן זיך איינגעשריבן אבער האבן נאכנישט באצאלט און עס ווערט אויפגעהאלטן זייערע בעטן בלויז מיט הבטחות אז מארגן און איבערמארגן וועלן זיי באצאלן.

דערפאר איז באשטימט געווארן אז אלע בעטן מוזן זיין גענצליך אויסגעצאלט ביז'ן קומענדיגן ראש חודש אב, וואס קומט אויס אומגעפער צוויי וואכן ארום, מיטוואך פרשת דברים הבעל"ט, און פון דאן וועלן אלע בעטן וואס וועלן נישט זיין אינגאנצן אויסגעצאלט, פארלירן זייער איינגאבע און זייער רעזערוואציע, אזוי וועלן די פילע וואס ווארטן צו באקומען א בעט האבן די געלעגענהייט צו קענען קומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און קענען מיטהאלטן די הייליגע טעג במחיצת הראש ישיבה שליט"א, סיי אלע תפלות, און סיי אלע סעודות, אינעם בנין וואס געפונט זיך ווייט אינדרויסן פונעם טומל און פון אלע אנדערע פראבלעמען ברוחניות ובגשמיות וואס די הויפט גאסן ברענגען מיט זיך.

אויב האט איר רעזערווירט א בעט, מאכט זיכער עס צו האבן באצאלט ביז ראש חודש אב. כדי איר זאלט נישט פארלירן אייער געלט און רעזערוואציע.

**בראש השנה יכתבון!**

***

## "פלען איט רייט" רייזע פלענער אויף אומאן ראש השנה תשפ"ד

שטייענדיג שוין בערך צען וואכן איידער מען פארט צום הייליגן רבי'ן, האט "פלען איט רייט" נארוואס ארויסגעלייגט פאר'ן אלגעמיינעם ציבור זייערע אפיציעלע פלענער פאר'ן קומענדיגן ראש השנה אין אומאן, און האט צוגעלייגט פארשידענע אפדעיטס וואס זענען שוין צוגעקומען ביז דערווייל. אזוי אויך האבן זיי געמאלדן אז די אלע וואס האבן באקומען די "עירלי בוירד ספעשל" דארפן עס האבן אפגעצאלט ביז'ן קומענדיגן ר"ח אב הבעל"ט כדי זיי זאל קענען אנהאלטן זייער פלאץ און זייער פרייז.

ווי זיי מעלדן האפן זיי צו ברענגען אנשי שלומינו קיין אומאן אויף די הייליגע טעג פון ראש השנה, וואס אלע וואס גלייבן אין הייליגן רבי'ן ווילן דארט זיין, מיט א געשמאקע, באקוועמן, אויסגערועטע, עלעגאנטע און היימישע רייזע. די פליגער וועט בעז"ה זיין גענצליך על טהרת הקודש, נאר מענער סטועדס, און עס וועט סערווירט ווערן במשך דעם גאנצן וועג נאר היימישע מאכלים מיט פארלעסליכע הכשרים.

פלען איט רייט וועט ווי געמאלדן צושטעלן צוויי טשארטער פליגער פון ניו יארק קיין ריישא פוילן, מאנטאג כ"ה אלול (למספרם סעפטעמבער 11) אום 10:30 ביינאכט, און דינסטאג כ"ו אלול (למספרם סעפטעמבער 12) אום 10:55 ביינאכט, און צוריק וועט זיין מאנטאג צום גדלי׳ ב׳ תשרי (למספרם סעפטעמבער 18) אום 1:45 נאכמיטאג און 5:45 נאכמיטאג, וואס ביידע וועלן נאך בעז"ה אנקומען אינעם זעלבן טאג.

פלען איט רייט וויל מאכן די רייזע דאס מערסטע געשמאק און גרינג, דערפאר וועלן זיי פערזענליך זיך אפגעבן מיט די גאנצע נסיעה, פונעם מינוט וואס איר טרעט אריין אינעם עירפארט אין ניו יארק, ביז איר קומט אן צו אייער דעסטינאציע קיין אומאן, די פרייזן רעכענען אריין אלע נויטיגע אראנזשירונגען ווי פרישטאג, מיטאג, נאכטמאל, מקוה, מנין, סנעקס, באנען, באסעס, און אלעס אינצווישן.

די טשארטערס קען מען האבן אויף דריי באזונדערע קלאסן, וואס יעדער קען זיך אויסקלויבן לויט זיין בודזשעט. די עקאנאמי קלאס טיקעטס איז פאר $2,800, די פרימיום עקאנאמי איז פאר $4,500, און ביזנעס קלאס פאר $7,550. אויפ׳ן צווייטן טשארטער פלייט וואס פארט ארויס דינסטאג קען מען נאך דערווייל באקומען אן עקאנאמי קלאס טיקעט פאר $2,500, אזוי אויך ווערט צוגעשטעלט דורך פלען איט רייט 22 אפציעס פון "גרופע טיקעטס" צו פילע לופט פעלדער ארום אוקריינע, ווי רומעניע, מאלדאווע, און פוילן, וואס איר קענט זיך אויסוועלן דערפון לויט אייער באקוועמליכקייט, די פרייזן פון די גרופע טיקעטס הייבן זיך אן ביי $899 א טיקעטס (נישט אריינגערעכנט די באן).

די רייזע מיט די טשארטער פליגער רעכנט אריין אויך די נסיעה מיט א באקוועמע באן מיט וואס מען וועט פארן פון פשעמישל פוילן ביז אוקריינע, וואס דאס איז אריינגערעכנט אין די טשארטער פרייז. די באנען וועלן אויך זיין על טהרת הקודש, נאר מענער סטועדס, און די מאכלים וואס וועלן סערווירט ווערן וועלן אלעס זיין אויפ׳ן בעסטאן קוואליטעט און כשרות מיט וואס פלען איט רייט איז באוואוסט. די באנען זענען די גרינגסטע וועג אריבערצוגיין דעם גרעניץ קיין אוקריינע.

די וואס ווילן נעמען נאר די באן רייזע וועלן עס קענען האבן פאר בלויז $595 ביידע וועגן. עס וועט זיין צוויי טשארטער באנען, איינס דינסטאג און די צווייטע מיטוואך, און צוריק וועלן ביידע בעז"ה פארן מוצאי יום טוב. אבער היות צו ווערן באשטעטיגט די פונקטליכע צייטן פאר די באנען דארף פלען איט רייטווארטן ביז חודש אלול, דערפאר וועלן זיי פארקויפן די פריוואטע באנען טיקעטס נאר פון ראש חודש אלול.

צו מסביר זיין וואס דאס מיינט "אומאן ראש השנה" איז גענצליך איבעריג, אנשי שלומינו ווייסן ווי שטארק דער רבי האט געמאנט און געבעטן אז יעדער זאל קומען, און אנשי שלומינו זענען מתפלל אז מען זאל אנקומען בשלום צום הייליגן רבי'ן טראץ אלע שוועריקייטן וואס דאס נעמט אריין. מען זעט יעדעס יאר ווי צענדליגע טויזענטער אידן פון איבער די וועלט וואס קיינעם קומט עס נישט אן גרינג, און מיט דעם אלעם לאזן אלעס איבער און מיט תפילה און אמונת חכמים באווייזן זיין אלעס איבערצוקומען און קומען צום הייליגן רבינ׳ס ציון אויף ראש השנה.

פלען איט רייט איז א טראוועל אגענטור וואס צייכענט זיך אויס אין אלע סארטן רייזע פלענער, ווי קאמפליצירט עס זאל נישט זיין, בפרט ווען עס קומט צו אומאן ראש השנה, זענען זיי באקאנט אלס די טרעוועל אגענטור מיט'ן ה"א הידועה, ווי עס האט זיך ספעציעל ארויסגעוויזן פאריאר ווען זיי האבן מסדר געווען די נסיעות פון אנשי שלומינו מיט'ן באן מיט אלע הצטרכות'ן אויפן וועג, און מיט תפלה זענען זיי איבערגעקומען די פילע שטרויכלונגען וואס האבן זיך געמאכט.

צו באשטעלן א טיקעט קען מען רופן פלען איט רייט אויף 845-678-3555.

**אומאן ראש השנה!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברמי פריעדריך** הי"ו

צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון

הבחור **ישראלי פריעדריך** נ"י

***

מו"ה **מעכי ראזענפעלד** הי"ו

צו די אפשערן פון זיין אינגל

**חיים זאנוויל נ"י למזל טוב**

## לטהר טמאים

**א מענטש וואס איז טמא דורך און דורך, איז דא א וועג ווי אזוי ער זיך קענען רייניגן? ער זאל ווערן אן אמת׳ער ערליכער איד?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 8, 35**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >